# א מעשה׳לע

גליון כ"ה

ראש השנה תשפ"ז

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## לֶערְנֶען
## דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא

מֶען זוּכְט אַהֶער, מֶען זוּכְט אַהִין, מֶען טְרֶעפְט אִים נִישְׁט...

מֶען גֵייט פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּם צְוֵוייטְן, 'וואוּ אִיז עֶר? וואוּ אִיז רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע?' דִי גַאנְצֶע שׁוּל וַוארְט מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן דַאוְועֶנֶען, אָבֶּער דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז נִישְׁט צוּם גֶעפִינֶען, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן, עֶר ווִיל נִישְׁט זַיין דִי יָאר דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.

דִי תַּלְמִידִים זָאגְן: "אֶפְשָׁר קֶען מֶען צוּשִׁיקְן אַ צְוֵוייטְן צוּם עָמוּד?" מִיר וֶועלְן פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, מִיר טְרֶעפְן נִישְׁט דֶעם רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, אֶפְשָׁר קֶען מֶען צוּשִׁיקְן אַ צְוֵוייטְן צוּם עָמוּד?" דֶער רֶבִּי זָאגְט: "נֵיין, מֶען וֶועט נִישְׁט דַאוְועֶנֶען בִּיז מֶען וֶועט אוֹיפְזוּכְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע".

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט זוּכְן דֶעם רֶבִּי



וואוּ אִיז רֶבּי מֶענְדֶעלֶע?

מֶענְדֶעלֶע, בִּיז מֶען הָאט אִים גֶעטְרָאפְן אוּן גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי ר' מֶענְדֶעלֶע הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים. אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מְרִימָנוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן אַלֶע זַייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע עֶר זָאל זָאגְן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּם עָמוּד. הָאט עֶר גֶעזָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל אַז וֶוער עֶס וֶוערְט אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אִין דִי יָמִים נוֹרָאִים - מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אוּן וַוייטֶער - גְמָרָא, "דִי יָאר אִיז מִיר גֶעוֶוען זַייעֶר שְׁוֶוער דִי וֶועג פוּן מַיין שְׁטָאט פְּרִיסְטִיק בִּיז לִיזֶענְסְק, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג גְמָרָא, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מִיךְ בַּאהַאלְטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ בִּין נִישְׁט וֶוערְד צוּ זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה', בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעהֵייסְן, הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט פָאלְגְן".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים, ווִי זֵיי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, זֵיי גְרֵייטְן זִיךְ אָן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע טֶעג מִיט לֶערְנֶען גְמָרָא, אוּן מִיר קִינְדֶער גֵייעֶן אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא, אַזוֹי וֶועלְן מִיר אוֹיךְ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

*צו הערן די מעשה פארציילט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א - 212.444.9191 1-5-2-1*

# ספר המידות

## דֶּרֶךְ - חלק א'

יג. כְּשֶׁאָדָם לוֹמֵד עַד שֶׁנִּתְיַגֵּעַ, בָּזֶה מַמְתִּיק דִּינִים וּמְעוֹרֵר רַחֲמִים, גַּם עַל יְדֵי זֶה מְעוֹרֵר רַחֲמִים אֵצֶל אָבִיו בַּקֶּבֶר.

יג. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה בִּיז עֶר וֶוערְט שׁוֹין אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט, נֶעמְט עֶר אַוֶועק מִיט דֶעם אַלֶע שְׁוֶוערֶע דִינִים אוּן עֶר אִיז מְעוֹרֵר רַחֲמָנוּת בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיךְ אִיז עֶר דוּרְךְ דֶעם מְעוֹרֵר דִי רַחֲמָנוּת פוּן זַיין טַאטֶע אִין קֶבֶר.




קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691